# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**מהודרת אחת שאלתי**

**לע"נ הרה"ח ר' חיים שמואל מאיר ב"ר יצחק פינחס וואלהענדלער ז"ל**

נלב"ע כ"ב שבט תשע"ב לפק

## פרשת בא

# די יסודות פונעם אידישן פאלק

**פרנס השבוע**

פרנס השבוע נתנדב ע"י

מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו

**לרגל הולדות בנו למז"ט**

ויה"ר שיזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעש"ט, ולראות רב נחת מכל יוצ"ח, ולהתברך בכט"ס.

•••

זיכוי הרבים לו ולכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.



רב אביגדור מיללער'ס

# Marriage Insurance

יסודות'דיגע שיעורים אויף

**בנין בית נאמן בישראל**

געבויט אויף די קלארע און לויטערע תורה השקפה פון

הרה"צ ר' **אביגדור מיללער** זצוק"ל



פארגעלערנט דורך

**הרב פינחס וואלהענדלער שליט"א**

יו"ר ארגון תורת אביגדור

בהסכמת גדולי הרבנים

פלעצער זענען באגרעניצט, רופט שוין:

(732) 844-3670 ext. 4

RavMillerMarriage@gmail.com

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332

**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת בא
שנה ג׳

# די יסודות פונעם אידישן פאלק

## תוכן:

חלק א. שלעפן די שאף - חלק ב. זיך אוועקציען פון די שאף - חלק ג. אן אייביגע פאלק

## חלק א. שלעפן די שאף

### די מצוה מיט די שאף

ווען דער טאג פון יציאת מצרים האט זיך דערנענטערט, האט דער באשעפער באפוילן א ספעציעלע מצוה פאר דאס אידישע פאלק: **בֶּעָשֹׂר לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית אָבֹת שֶׂה לַבָּיִת** - אין צענטן טאג פון חודש ניסן, זאל יעדער איד נעמען א שעפעלע פאר זיין משפחה (שמות יב:ג).

למעשה, פון וואו זאלן זיי נעמען שעפעלעך? מען קען דאס נישט ארויסנעמען פון טאש. מען קען נישט ארויסציען א לעמעלע פון שאפע ווי א פאר הויזן; מען דארף דאס פון ערגעץ נעמען. נאך אלעם, האבן די גע׳רודף׳טע קנעכט אין מצרים ווארשיינליך נישט פארמאגט קיין אייגענע סטאדעס פון שאף, האבן זיי געדארפט גיין ערגעץ קויפן שאף.

און אזוי, אינעם צענטן טאג פון חודש ניסן איז יעדער, דאס גאנצע אידישע פאלק, ארויסגעגאנגען צו די מארקן און פארמס, וואו זיי האבן נאר געקענט, צו איינקויפן שאף. אט איז די סצענע: אידן דרייען זיך אומעטום פירנדיג שעפעלעך איבער די גאסן פון מצרים. מיטאמאל זענען די גאסן פול מיט אידן וואס פירן שאף און א הויכער הירזשען פון "בעע..." "בעע..." פארטייבט די אויערן.

### די אנזעבארע שעפעלע

איר קענט זיך אודאי פארשטעלן אז די מצריים זענען זיכער נישט געווען צופרידן פון וואס זיי האבן געזען אויף זייערע גאסן. די מצריים האבן פארגעטערט די שעפעלעך - אין זייערע אויגן איז עס געווען הייליג. עס איז אזוי ווי אין אינדיע וואו מען לאזט די קיען ארומלויפן ווילד; א קוה קען קומען ארייגשפרינגען אין דיין גארטן אבער עס איז פארבאטן אפילו נאר צו ווארפן א שטיין עס אוועקצוטרייבן. כ׳ווייס נישט ווי אזוי עס איז היינט צוטאגס, אבער נישט אזוי לאנג צוריק, אויב

האסטו אוועקגעשטויסן א קוה אין אינדיע, איז דאס געווען די לעצטע זאך וואס דו האסט געטון אין דיין לעבן. און מצרים איז נישט געווען אנדערש; נאר עס איז געווען א שעפעלע אנשטאט א קוה.

צו שחט'ן א שעפעלע?! פון דעם איז זיכער נישט געווען וואס צו רעדן! די מצריים וואלטן קיינמאל נישט צוגעלאזט אזא זאך! דער שטראף וואלט געקומען זייער גיך. מיר ווייסן אז נאך מכת ערוב ווען משה רבינו איז געקומען בעטן פרעה ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים כדי צו ברענגען קרבנות פאר'ן באשעפער, איז דאן פרעה שוין געווען אביסל ווייכער נאך די אלע מכות פון וואס ער האט געליטן און ער איז גרייט געווען עפעס נאכצוגעבן, האט ער געזאגט, "גייט און ברענגט קרבנות צו אייער באשעפער אבער איר קענט עס טון דא אין לאנד. פארוואס דארפט איר דערפאר ארויסגיין פון מצרים?"

## אן אומפארמיידליכע קעגן רעאקציע

האט משה רבינו געזאגט, **הֵן נִזְבַּח אֶת תּוֹעֲבַת מִצְרַיִם לְעֵינֵיהֶם וְלֹא יִסְקְלֻנוּ** - "צי קענען מיר שחט'ן די אומווערדיגקייט פון די מצריים קעגן זייערע אויגן און זיי וועלן אונז נישט פארשטיינערן?!" (ח:כב). זיי וואלטן אונז זיכער פארשטיינערט, נישטא קיין ספק אין דעם!

למעשה, משה רבינו האט נישט געזאגט פונקטליך די ווערטער צו פרעה; ער האט געזאגט, "צי קענען מיר שחט'ן די געטער פון די מצריים פאר זייערע אויגן און זיי זאלן אונז נישט פארשטיינערן?" נאר שפעטער ווען דער באשעפער האט דיקטירט די תורה צו משה רבינו, האט ער געניצט דעם אויסדרוק "**תועבת** - די אומווערדיגקייט". דאס איז אזוי ווי די תורה דריקט זיך אויס ווען עס רעדט איבער אפגעטער; עס דערנידערט זיי. די תורה רופט זיי אן "**אלילים**", וואס שטאמט פון אל - די נישטיגע אפגעטער. אדער **גלילים**, אזוי ווי גללים - מיסט. אפגעטער פון מיסט! ווייל דאס איז פונקטליך וואס עס איז; זיך בוקן צו אן אפגאט איז ווי זיך צו בוקן צו א פולער שיסל פון ארויסגאנג שמוץ. און דאס איז אזוי ווי אזוי אידן רופן עס אן; כאטש צווישן זיך זאגן מיר דעם אמת.

אבער ווען משה רבינו איז געשטאנען אין פאלאץ האט ער געזאגט צו פרעה, "ווי אזוי קענען מיר טון אזא זאך, צו שחט'ן די 'געטער' פון די מצריים קעגן זייערע אויגן?! מיר וועלן באפאלן ווערן! זיי וועלן אונז אויס'הרג'נען. די מצריים וועלן קיינמאל נישט טאלערירן אזא זאך, צו שטיין דערביי בשעת מיר זענען אין זייער טעריטאריע און שחט'ן זייערע געטער!"

## אינדרויסן אין די עפנטליכקייט

יעצט וועט איר קענען זאגן, "גוט, זיי וואלטן נישט געדארפט מאכן אזא גאנצע סענזאציע דערפון; זיי וואלטן געקענט נעמען די לעמעלע גלייך פאר עס קומט די צייט עס צו שחט'ן, אזוי אז די גוים זאלן נישט האבן קיין געלעגנהייט צו זען וואס גייט פאר. זיי וואלטן געכאפט געווארן אין אן איבערראשונג און ביז וואס ווען זיי וועלן פארשטיין וואס מען טוט, וועט עס שוין זיין ערלעדיגט."

ניין, זיי האבן נישט געקענט אזוי טון. "אויפ'ן צענטן טאג אין דעם חודש מוזט איר נעמען א שעפעלע." דאס איז פיר טעג פאר דער קרבן פסח וועט גע'שחט'ן ווערן. פיר טעג צו נעמען א שעפעלע?! צו וואספארא צוועק? זיי וואלטן דאס אלעס געקענט טון אין איין טאג!

דער ענטפער איז אז עס איז געטון געווארן צו געבן פאר די מצריים פיר טעג אין וועלכן זיי וועלן זיין אינפארמירט איבער וואס עס גייט פאר, כדי עס זאל נישט זיין קיין שום וועג עס צו באהאלטן. און יעצט שטייען די מצריים ארום און זאגן, "איר שמוציגע עבריים! וואס טוט איר מיט די ארעמע שעפעלעך?! נאר אן עברי קען זיין אזוי גרויזאם צו ארומלייגן א בענדל ארום א שעפעלע'ס האלז און עס שלעפן איבער די גאסן!"

## אן איבערקערעניש אין לאנד

דאן האט זיך א שרעקעדיגער געדאנק ארייגעכאפט אין זייערע קעפ: "ווער ווייסט וואס די נידערטרעכטיגע מענטשן גייען טון מיט די שעפעלעך?! זיי גייען זיכער נישט דינען צו זיי. אה ניין! צי קען עס זיין אז עס איז אמת וואס מיר האבן געהערט אז די עבריים טוען געפערליכע זאכן; זיי האבן עס נישט געטון אין די עפנטליכקייט, אבער באהאלטענערהייט הערן מיר אז זיי עסן שעפעלעך! די עבריים גרייטן זיך צו א שאף פארטיליגונג!"

דורכאויס די פיר טעג האט דאס לאנד מצרים געקאכט ווי א קעסל. עס זענען פארגעקומען פארזאמלונגען צו טראכטן עצות וואס צו טון, ווי אזוי צו האנדלען מיט די עבריים. דער פאקט אז די מצריים האבן דאן נישט געמאכט קיין מאסן פארטיליגונג איבער די אידן איז געווען א מופת פאר זיך. די מצריים האבן נישט געמאכט קיין אפיציעלע שחיטות, זיי האבן זיך געהאלטן פאר א ציוויליזירטע פאלק, אבער דא איז עס שוין געגאנגען צו ווייט! "צו שחט'ן אונזער גאט קעגן אונזערע אויגן?! און דאס צו טון מיט אזא חוצפה?!"

## שבת הגדול

דאס איז איינע פון די טעמים פארוואס שבת פאר פסח ווערט גערופן '**שבת הגדול**' - דער גרויסער שבת - ווייל אין יענע יאר איז שבת הגדול אויסגעפאלן אינעם צענטן טאג פון חודש ניסן, וואס אין יענעם טאג האבן די מצריים מיטגעהאלטן דעם שרעקליכן ספעקטאל ווי די עבריים שלעפן די שאף דורך די גאסן; און וואס עס האט אויסגעפעלט איז געווען בלויז איין פונק וואס זאל אויפפלאקערן א ריזיגע פארצוקנדע פייער פון טויטליכער אויפברויז. ביז צום היינטיגן טאג זענען מיר ערשטוינט אויף דעם נס; קיין זאך האט נישט פאסירט!

אבער דאס אידישע פאלק האט נישט געוואוסט אז עס גייט גארנישט געשען. דורכאויס די גאנצע צייט פון דעם צענטן טאג אין ניסן ביז דעם פערצנטן טאג - דער צענטער, דער עלפטער, דער צוועלפטער, דער דרייצנטער, דער פערצנטער - האבן זייערע הערצער געטרוישט.

עס האט געהערשט אן אנגעצויגנקייט און אנגסט: "וואס גייט פאסירן צו אונז?! די מצריים וועלן זיכער פארלירן זייער געדולד און זיי וועלן נקמה נעמען אין אונז." פאר פינף טעג האט דאס אידישע פאלק געלעבט אין שרעק פון א פאגראם, פון ווערן פארשטיינערט אויף די גאסן.

## דעמאנסטרירן אויף די גאסן

אלזא, ס'איז וויכטיג צו פארשטיין אז דאס אלעס איז נישט געווען קיין צופאל; ס'איז געווען דער פלאן פון באשעפער פון אנהייב אן. דערפאר, ווען משה רבינו האט צוזאמגערופן די זקני ישראל צו לאזן וויסן דעם באפעל פון באשעפער האט ער געזאגט צו זיי, **מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן** - ציט און נעמט צו אייך שאף (שם יב:כ).

דאס ווארט **מִשְׁכוּ**, ציען, זעט אויס איבריג. אויב דארף מען נעמען א שעפעלע פארשטייט מען אליין אז מ'דארף עס שלעפן; צומאל פראבירט דאס קליינע שעפעלע זיך צוריקהאלטן - אפשר שפירט עס וואס עס גייט פאסירן און עס פראבירט זיך קעגנצושטעלן, אזוי אז מ'דארף עס שלעפן. אבער דאס דארף נישט די תורה אנזאגן ווי אזוי צו אהיימפירן די שעפעלעך דורך די גאסן.

ווען מיר דאס ערקלערן ווי פאלגנד, וואס די ווארט **מִשְׁכוּ** באדייט: "איך וויל איר זאלט לייגן א געוויכט אויף דעם צו 'ציען' די שאף דורך די גאסן פון מצרים." עס שטייט נישט בלויז **קְחוּ לָכֶם**, וואס מיינט צו 'נעמען'; אז מ'זאל עס נעמען שטילערהייט. די אידן וואלטן געקענט טראכטן אז אפשר זאלן זיי עס טון באהאלטענערהייט. פארוואס זאל מען נישט דינגען שליחים; זיי וואלטן געקענט באצאלן פאר מענטשן צו ארויסגיין און שטילערהייט ברענגען שעפעלעך איינגעפאקט אין זעק און עס אריינשמוגלען צו זייערע היימען וואו זיי וואלטן עס געקענט שחט'ן אן דעם וואס איינער זאל וויסן.

## פירן באהאלטענערהייט

עס איז ווי דער מענטש וואס קויפט א לולב און ער דארף פארן דערמיט אויפ'ן באס. ער איז געגאנגען קיין קראון הייטס צו קויפן א לולב און יעצט פארט ער צוריק דערמיט קיין פלעטבוש, אויף א באס פול מיט גוים. וואס טוט ער? ער וויקלט עס ארום מיט פאפיר אזוי אז מענטשן זאלן מיינען אז עס איז א פארהאנג שטאנג. ער האט נישט קיין פעסטקייט אין זיך, דערפאר באהאלט ער עס. ער וויל זיך ארייינפאסן צווישן די איטאליענער גוים.

איך בין אמאל ארויף אויף א באס מיט א לולב און אתרוג - איך פלעג פארן מיט'ן באס צו גיין צום שול. ווי נאר איך בין אויפגעשטיגן אויפ'ן באס האבן אלע אידן דארט געזוכט א שפאלט אין די ערד וואו זיי קענען זיך באהאלטן פאר בושה. איך האב נישט באהאלטן מיינע ארבע מינים ווי א פארהאנג שטאנג, פארשטייט איר. איך האב הנאה געהאט דערפון יעדע מינוט. אבער די אנדערע אידן דארט האבן עס נישט אויסגעהאלטן!

דאס איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע לעקציעס פון **מִשְׁכוּ**. דאס מיינט, מען דארף זיך האלטן פעסט. יעדער דארף ווערן פארנומען מיט אליין ציען די שאף; די אויפגאבע איז, עס נישט צו טון באהאלטענערהייט. און דערפאר ווען עס איז געקומען דער באפעל פון באשעפער, איז עס געווען זייער א שווערער באפעל. עס איז געווען א מצוה וואס האט געפאדערט גרייטקייט פאר אמת'ע מסירות נפש.

## עס איז נישט געווען גרינג

קען זיין אז עס זענען געווען אזעלכע וועלכע האבן נישט געוואלט דורכמאכן דעם נסיון, די אפקומעניש פון שלעפן די שאף דורך די גאסן. איר ווייסט וואס עס האט פאסירט צו זיי? זיי זענען פארלוירן געגאנגען פון אונזער פאלק; זיי זענען נישט ארויס פון מצרים. **אִילּוּ הָיָה שָׁם, לֹא הָיָה נִגְאָל**. אויב איינער איז געווען צו שוואך, צו ווייך, איז ער נישט אויסגעלייזט געווארן (הגדה של פסח). געוויסע מענטשן האב דאס פשוט נישט געקענט טון; ווער האט דען ליב צו טון אזעלכע אומבא'טעמ'טע זאכן?! אפשר באהאלטענערהייט, וואלטן זיי מסכים געווען דאס צו טון.

"נישטא וואס צו מאכן!" האט משה רבינו געזאגט צו די אידן, "יעדער איינער מִשְׁכוּ!" יעדער טאטע, יעדער הויפט פון די הויזגעזינד, האט געדארפט ריזיקירן מיט זיין לעבן און דורכמאכן די שוועריקייט. יעדער, פונעם פשוט'ן איד ביז צו די זקנים; אפילו די עלטערע חשוב'ע אידן; יעדער האט דאס געדארפט דורכמאכן. זיי האבן אלע געשלעפט די שאף דורך די גאסן און עס אהיימגענומען מיט זיך, און דערנאך אינעם פערצנטן טאג פון חודש ניסן, האבן זיי גע'שחט'ן די שאף פאר'ן באשעפער.

דאס איז געווען אן אויסערגעווענליכער אויסדרוק פון עזות, פון חוצפה, אינעם פנים פון דאס קעגנערישע פאלק. מיר פארשטייען נישט בכלל וויפיל עזות עס האט זיך געפאדערט. מיר זאגן אז זיי האבן געהאט בטחון אין באשעפער; זייער גוט, זיי האבן געהאט בטחון. ס'איז גרינג דאס צו זאגן אבער ווען דו שטייסט פאר דעם פאקט אז מיליאנען גוים שפייען אויף דיר און דערנידערן דיר, איז עס מער נישט אזוי גרינג.

## זיי א פאטריאט!

ס'איז ווי דער ארטאדאקסישער איד וואס טראגט א גרויסע בארד. א בארד איז א פאן. היינט איז געווארען אז אויב דו גייסט אראפ די גאס פלאטערנדיג אן אמעריקאנער פאן, ווערסטו זיין דער ציל פונקט פון אלע ליידיגגייער, פון אלע ליבעראלן. דאגעגן אויב טראגסטו אן אמעריקאנער פאן אינעווייניג, אויף דיין אנצוג קען זיין די ביסט א גרויסע פאטריאט, אבער דו טוסט נישט ליידן פאר עס.

א אידישער פאטריאט איז גרייט צו ליידן פאר זיין אידישע צורה - עס האט פאסירט צו מיר מער ווי איין מאל. דריי מאל האבן מענטשן געשפיגן אין מיין פנים. איך בין אמאל ארויפגעגאנגען די סובוועי טרעפ און א פרוי האט געקוקט אויף מיר און געשפיגן גראד אין מיין פנים אריין. אין יענע טעג האבן מענטשן נישט געטראגן קיין בערד. היינט האבן אפילו משוגעים בערד, אבער אין יענע טעג איז געווען אנדערש. אן אנדער מאל בין איך געשטאנען צו אריבערגיין די גאס, האט א מאטאריסט וואס איז פארבייגעגאנגען מיר געשפיגן אין פנים. ער וואלט נישט געשפיגן אין דיין פנים ווייל ער מיינט דו ביסט א איטאליענער פונקט ווי אים.

אויך האט מען געווארפן אויף מיר שטיינער. איינמאל בין איך געווארן גוט צעקלאפט! אלעס צוליב מיין בארד. צי מיינט איר אבער אז איך וואלט דאס פארקויפט? איך וואלט נישט פארקויפט קיין איינע פון די אינצידענטן! קען זיין אז אויב איר וואלט מיר פארגעשלאגן זייער א גרויסער סכום געלט וואלט איך אפגעשוואכט געווארן אבער פאר א נישטיגע פינף הונדערט דאללער וואלט איך עס נישט פארקויפט ווייל דאס איז וואס עס מיינט צו זיין א שטאלצער עבד ה'.

דאס איז די לערע פון מִשְׁכוּ; דאס מיינט, אז אויב ביסטו אינטערעסירט צו ווערן אויסגעלייזט פון מצרים, אויב דו ווילסט נישט גע'הרג'ט ווערן ווען דער מלאך המשחית גייט אריבער איבער די לאנד, דאן דארפסטו זיין גרייט צו אויסשטרעקן דיין האלז פאר'ן באשעפער. און די אלע מענטשן וועלכע האלטן זייערע העלזער אינעווייניג פון זייערע קאלנערס און פראבירט עס צו באהאלטן, די וואס זענען בלויז אינטערעסירט אין זייער אייגענע באשיצונג, וועט דער סוף זיין אז זיי וועלן פארלוירן גיין.

# חלק ב. זיך אוועקציען פון די שאף

## אוועקציען פון געצנדינעריי

די חז"ל לערנען אונז אז אין דאס ווארט 'מִשְׁכוּ' איז דא א רמז אויף נאך אן ענין; עפעס וואס וועט אונז צוגעבן נאך א בליק אין דער לימוד וואס דאס אידישע פאלק האט געדארפט ארויסלערנען פון די מצוה. נייז, מיר נעמען זיך נישט אונטער דא צו ערקלערן גרינטליך א מצוה פון די תורה; ווער קען בכלל האבן א קלער דאס צו טון? די תורה איז אזוי טיף, אז נישט קיין חילוק וואס מ'וועט זאגן וועט עס נישט זיין די גאנצע ווארהייט דערפון; דאס דארף מען וויסן. אבער מיר האבן א רעכט צו זאגן עפעס און דאס ווען מיר פראבירן דא צו טון.

אלזא, דאס איז קלאר פאר אלעמען אז די שאף האבן געדינט אלס אפגאט אין מצרים, און עס איז אויך קלאר אז די אידן זענען באפוילן געווארן צו מאכן דעם געפארפולן שריט פון שחט'ן די שאף דורך מִשְׁכוּ: "איר זאלט שלעפן די שאף דורך די גאסן אין די עפנטליכקייט און זיין גרייט צו ליידן פון סיי וואספארא קעגנערשאפט עס קען אייך אנטרעפן."

אבער אצינד וועלן מיר זען אז עס איז דא נאך שטאפל פון באדייט וואס די חז"ל האבן געזען אין דאס ווארט מִשְׁכוּ. ווען משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן, **מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן** - ציט צו אייך די שאף, זאגן די חז"ל אז משה רבינו האט דאן מרמז געווען פאר די אידן: **מִשְׁכוּ יְדֵיכֶם מֵעֲבוֹדָה זָרָה** - "איר זאלט זיך אוועקציען פון עבודה זרה."

## אמעריקאנער אידן און מצרי'שע אידן

איר ווייסט, דאס אידישע פאלק האט געלעבט פיל יארן אין מצרים. פאר צוויי הונדערט און צען יאר האבן זיי געוואוינט צווישן די גוים אין מצרים און ווען מען לעבט מיט גוים פאר א לאנגע צייט איז נישט גרינג צו בלייבן שטייף קעגן די גוי'שע השפעות. שטעלט זיך פאר א איד האט זיך אריבערגעצויגן קיין אמעריקע, ער איז געקומען דא זיך צו באזעצן. לאמיר זאגן אין יאר 1770' למספרם, איז ער מיט זיין משפחה געקומען אהער זיך צו באזעצן, און די קינדער וואוינען דא ביז היינט, אין יאר 1980' למספרם. עס וואלט מורא'דיג שווער געווען פאר די פאמיליע דורכאויס די גאנצע צייט נישט צו ווערן אנגעשטעקט מיט געוויסע פירונגען פון די גוים.

פונקט דאס איז וואס עס האט פאסירט אין מצרים; די אידן זענען געווען אזויפיל יארן ווי 'פון 1770' ביז 1980' אין מצרים. אודאי וועלן מיר זאגן אז פיל אידן זענען געבליבן ערליך; זיי וואלטן זיך זיכער נישט געבוקט צו א שעפעלע. ווען חז"ל זאגן אז משה רבינו האט געזאגט, **מִשְׁכוּ יְדֵיכֶם מֵעֲבוֹדָה זָרָה** - "ציט אוועק אייערע הענט פון געצנדינעריי," מיינט דאס נישט אז דאס אידישע פאלק האט פאקטיש געדינט עבודה זרה, אז זיי האבן זיך געבוקט צו די שאף חס ושלום. אבער וואס מיר לערנען דא איז אז עס איז נישט גענוג; עס איז נישט גענוג דאס אז מ'בוקט זיך נישט.

## ווייזן שעצונג

איר דארפט זיך פארשטעלן וואס עס האט זיך אפגעטון אין מצרים. איר ווייסט, ווען א מצרי האט געזען א שעפעלע אויפ'ן גאס - מען האט געלאזט די שעפעלעך ארומלויפן ווילד אויף די גאסן - האט זיך דער מצרי געבוקט; געוויסע האבן געקושט די שעפעלעך. דאס שטייט אין נביא (הושע יג:ב), **זֹבְחֵי אָדָם עֲגָלִים יִשָּׁקוּן** - אפילו מענטשן וואס הרג'נען א מענטש, זיי קושן קעלבעלעך.

דאס מיינט, אז כאטש ווען עס קומט צו הרג'נען א מענטש האבן זיי נישט געהאט קיין געוויסנביסן אבער די בהמות האבן זיי געקושט מיט יראת הכבוד. דאס איז די שעצונג וואס איז ארויסגעוויזן געווארן פאר די שאף אין מצרים.

למעשה, כאטש דאס אידישע פאלק אין מצרים איז געבליבן געטריי צום באשעפער, איז געווען זייער שווער עס זאל זיך נישט אריינכאפן א געוויסע שעצונג צו די שאף. מען זעט דאס אויך היינט ווי געוויסע אידן קענען זיך חנפ'נען צו די גוים.

צי האט איר נישט אמאל געזען ווי א ליבעראלער איד גלעט א קליינער שגץ אויפ'ן קאפ? די ליבעראלן זענען זייער שוואכע כאראקטערס, זיי האבן נישט קיין רוקנביין, איז זאגן זיי פאר די גוים, **וַאֲנַחְנוּ כּוֹרְעִים וּמִשְׁתַּחֲוִים וּמוֹדִים** - מיר בוקן זיך צו אייך; איר האט די מאכט, דינען מיר צו אייך.

און אזוי האט עס געקענט פאסירן אין מצרים אז א איד זאל פארבייגיין און זען אז א מצריווארפט, לאמיר זאגן, קרויט צו א שעפעלע וואס וואנדערט אויפ'ן גאס. דאס איז געווען פאררעכנט ביי זיי ווי א מצוה צו מכבד זיין דעם אפגאט, איזווארפט ער צו די שעפעלע אביסל קרויט וואס ער האט געהאלטן ביים אהיימברענגען פאר נאכטמאל. האט דער איד זיך געקענט אנרופן, "אה, וואספארא שיינע שעפעלע." בלויז צו חנפ'נען די מענטשן פון זיין לאנד האט ער דאס געזאגט. ער וואלט זיך אפשר אויך איבערגעבויגן צו גלעטן די שעפעלע; נאך אלעם, איז נאך די שעפעלע אזוי שיין ווי דער קליינער שגץ אין אמעריקע.

און אזוי, טראץ וואס דער איד איז נישט געווען קיין עובד עבודה זרה; ניין, זיכער נישט, אבער עס איז דאך געווען א געוויסע שעצונג צו די אידיאלן פון די גוים. און דאס איז וואס דער באשעפער האט געוואלט אויסרייסן פון די בני ישראל איידער זיי פארלאזן מצרים און ווערן א פאלק.

## זונטאג און קראצמעך

אויך פאר אונז היינט איז אזוי שווער צו פארמיידן די סארט השפעות פון די גוי'שע אידיאלאגעס. גייט דער שומר שבת איד ארויס פון זיין הויז זונטאג אינדערפרי און ער איז פריילך; ס'איז אזוי רואיג און שטיל. די פאבריקן זענען פארשפארט, די גאסן זענען ליידיג און ער האט הנאה פון די רואיגקייט. זונטאג איז א טייל פון זיין לעבן; עס קען זיין אז ער שטייט אויף אביסל שפעטער צום דאווענען און נאך זאכן טוט ער אנדערש ווי א גאנצע וואך. דאס איז איין גוטע זאך אין ארץ ישראל; אין ארץ ישראל איזנישטא קיין 'זונטאג'. אבער אז מען שפאנט אויפ'ן גאס אין פלעטבוש אדער אפילו אין וויליאמסבורג זונטאג, האט מען הנאה דערפון; ס'איז א שיינע שטילע חגא. דאס איז שוין א פארבינדונג צו די גוי'שע פירונגען פון וואס די אידן האבן זיך געדארפט צוריקציען: **מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן** - "איר זאלט זיך צוריקציען פון די עבודה זרה."

עס איז ווי א מענטש וואס זאגט, "איך האב נישט, לאמיר זאגן, א קראצמעך בוים אין מיין הויז. קיינמאל!" אבער ווען ער גייט פארביי די געשעפטן און ער הערט די מוזיק פון די חגאות זינגען ארויס פון די געשעפטן; זיי צינדן עס אן כדי צו ציען די קונדן אריינצוקומען איינקויפן געשאנקען פאר דעם סעזאן; איז שווער נישט צו האבן עפעס א געפיל דערצו. מען ווערט אביסל מיטגעשלעפט מיט די לופט וואס שוועבט אין דעם סעזאן. איז אפילו דו ביסט זיכער א רעליגיעזער איד; דו פאררופסט זיך אינגאנצן נישט אלס איינער פון זיי, אבער דאך איז דא אין דיר א געוויסער געפיל דערצו.

## צי זיך אוועק!

אבער דאס איז אויך געצנדינערײ; אויב האט מען עפעס א שעצונג צו די גלילים פון די עובדי עבודה זרה, די אומווערדיגקייטן צו וואס זיי דינען, די אידיאלן און פירונגען מיט וואס זיי לעבן, איז דאס שוין א פראבלעם. "איך פאררוף זיך נישט מיט זיי," וועסטו זאגן, "אבער עס איז דא א געוויסע שיינקייט, א געוויסע אינטערעסאנטקייט אין דעם." אאה, איינמאל דו זאגסט אזוי, ביסטו אנגעבונדן - ביסט אויף צרות.

דאס איז וואס די חז"ל זאגן, **מִשְׁכוּ יְדֵיכֶם מֵעֲבוֹדָה זָרָה** - "צי אפ דיינע הענט פון די געצנדינערײ." דורך שלעפן די שאף איבער די גאסן און באווייזן אז עס מיינט צו דיר אינגאנצן גארנישט, דאס מיינט אוועקציען דיין האנט פון געצנדינערײ.

און נישט נאר אינעם ענין פון שחט'ן א שעפעלע. דאס איז בלויז א ביישפיל. דאס איז א כלל גדול אז דאס אידישע פאלק מאכט זיך נישט צוטון פון די אומות העולם. דער ערליכער איד דארף שחט'ן אלע אידיאלן פון די גוי'שע וועלט. און אזוי, ווען א איד גייט אין גאס אינעם דאטום דעצעמבער 27, לאמיר זאגן, און ער זעט א קראצמעך בוים וואס איינער האט אראפגעשטעלט אויפ'ן גאס פאר די סאניטאציע צו צוזאמנעמען, קוקט ער זיך ארום צו זען אויב קיינער זעט נישט און ער געבט עס א גוטן שטויס אראפ פונעם טראטואר. צווישן אונז, דאס איז וואס מיר דארפן טון.

## שחט'ן זייערע אידיאלן

איר דארפט שחט'ן די אידיאלן פון ליטעראטור, פון דראמא. עס האט קיינמאל נישט פאסירט, ס'איז אלעס פאלש. אלזא, איך פארשטיי אז מענטשן זענען שוין צוגעוואוינט צו פיקציע (אויסגעטראכטע מעשיות), אבער ס'איז שוין צייט זיך אפצוגעוואוינען. איר דארפט שחט'ן זייערע טעאטערס; ווען איר באגעגנט רעקלאמעס פון די טעאטערס, זאלט איר זיך ארומקוקן צו זיכער מאכן אז א גוי באטראכט אייך נישט און דאן זאלט איר שפייען אויף די ערד פארנט פון די בילדער.

מיר קימערן זיך נישט מיט זייער מוזיק און ספארט. א איד האט נישט קיין שום אינטערעסע אין ספארט, אויסער אויב עס איז פאר איבונגען פאר אים אליין, פאר זיין געזונט. מיר קימערן זיך נישט מיט זייערע אויסגעהוילטע געפילן. מיר קימערן זיך נישט מיט זייערע עבודה זרה'ס. מיר מאכן זיך נישט צו טון פון די שעצונג וואס זיי ווייזן ארויס פאר זייער רעליגיע. מיר מאכן זיך נישט וויסנדיג פון זייערע העלדן און זייער קאלטור. צו אונז איז עס אינגאנצן נישט אינטערעסאנט. ס'איז הבל וריק. איר זאגט אז דאס איז נישט קיין זינד? זיכער איז עס א זינד צו זיין פאר'גוי'שט! ס'איז מער ווי א זינד; צו זיין שטאלץ און אומבויגזאם איז דער יסוד צו קענען זיין אן ערליכער איד און דערפאר, ווי ווייט מעגליך, מאכן מיר שטייף אונזער האלז און שאקלען זיך אפ פון אלע גוי'שע געדאנקען.

אודאי זענען מיר געטרייע בירגער. מיר פאלגן אויס די געזעצן - מיר דארפן דאס אויספאלגן מער ווי די גוים. און מיר פירן זיך אויך מענטשליך, מיר באציען זיך צו יעדן מיט אנשטענדיגקייט און כבוד. אבער מיר זענען אנדערש; מיר זענען פאנדאמענטאל אנדערש פון די אומות העולם; דער קרבן פסח באדייט, צו איגנארירן, צו זיין דערקעגן מיט א גענצליכע אפשאקלונג פון אלע וועגן פון די אומות העולם.

## עצירות ביים אפגאט

די גמרא אין מגילה (כה:ב) זאגט, **כל ליצנותא אסירא** - אלע ליצנות זענען אסור, אידן זענען נישט קיין שפעטערס; זיי לאכן נישט אפ פון זאכן. מען טאר נישט סתם אזוי ארומגיין חוזק מאכן פון זאכן, ניצן וויצן און שפעט ווערטער צו אפלאכן פון געדאנקען. אבער עס איז דא איין אויסנאם צו דעם כלל: **בר מליצנותא דעבודת כוכבים** - אויסער צו שפעטן פון געצנדינערײ. אויף קרומע געדאנקען, זינדיגע אידיאלן, אויף שקר, מעגסטו שפעטן און חוזק מאכן; דו זאלסט!

און די גמרא ברענגט א ראי' פון נביא, וואו דער נביא ישעי' (מו:א,ב) מאכט חוזק פון די געטשקעס; ער זאגט די עבודה זרה דארף טון זיינע געברויכן, **כָּרַע בֵּל** - דער בל עבודה זרה קניט. דאס מיינט ער קניט צו מאכן זיינע באדערפענישן, **קֹרֵס נְבוֹ** - דער נבו עבודה זרה איז געבויגן אויף זיינע קניען, **לֹא יָכְלוּ מַלֵּט מַשָּׂא** - און ער קען נישט פטור ווערן פון זיין אנגעלייגטקייט. ער לייגט אראפ ווי אזוי די ארעמע געטשקע פלאגט זיך מיט עצירות, ארויסגאנג שוועריקייטן. למעשה איז דאס אינטערעסאנט, ווייל נביאים רעדן געווענליך נישט אויף אזא וועג; קיינמאל וועט איר נישט טרעפן אין די תורה אדער נביאים רעדן פון א מענטש וואס גייט ארויס פאר זיינע באדערפענישן. עס ווערט אלעמאל גענוצט א לשון נקיה; נאך אלעם, איז עס קודש קדשים.

און דאך טרעפן מיר מיטאמאל אזא לשון. דער נביא לערנט אונז דא אז ווען עס קומט צו דערנידערן זינדיגע זאכן, האלט מען זיך נישט אפ. דאס איז דער איינציגסטער אופן פון ליצנות וואס איז מותר; נישט נאר מותר נאר ס'איז א מצוה, ווייל אזוי שטארקט מען זיך. עס איז נישט גוט צו זיין א שוואכלינג. דו דארפסט זיין שטארק קעגן די שלעכטס. **אֹהֲבֵי ה׳ שִׂנְאוּ רָע** - דער וואס האט ליב דעם באשעפער, האט פיינט שלעכטס" (תהלים צז:י).

## זיך אנגרייטן פאר'ן צוקומפט

אלזא, מיר גייען נישט ארום זוכן מחלוקת מיט רשעים. נישט דאס איז וואס מיר רעדן דא. אבער מ'דארף שפאנען קעגן זיי - רעדנדיג צו דיין ווייב, צו דיינע קינדער, דיינע חברים - און אויב קיינער וויל נישט אויסהערן, מאכסטו ליצנות פון די רשעים צו דיר אליין! צווישן זיך דארפן מיר זאגן דעם אמת, און מיר דארפן עס זאגן נאכאמאל און נאכאמאל. און הויך! ווי מער דו וועסט אפשפעטן פון די זינדיגע און די זינד וואס זיי טוען, אלס מער וועט דיין קאפ ווערן א קאפ וואס געהערט צום באשעפער.

עס זענען דא פיל ארטאדאקסישע אידן פאר וועמען ס'איז שווער צו הערן אזעלכע ווערטער. מעגן מיר טאקע נישט מיטגיין מיט דעם קאלטור פונעם לאנד? דער ענטפער איז, ניין! וואס קענען מיר טון? מיר זענען א תורה פאלק און די תורה לערנט אונז אז דאס איז די לערע פון דער קרבן פסח. **מִשְׁכוּ!** ווי ווייט מעגליך זיך צוריקציען פון זיי, פון די סביבה, דורך זיך האלטן שטארק, מיט א גלייכער רוקנביין.

אט דער פאנדומענטאלע יסוד איז אזוי וויכטיג אז עס האט געדארפט אראפגעשטעלט ווערן ביים אנהייב פון אונזער געשיכטע. נאך איידער מיר האבן פארלאזט מצרים צו ווערן א פאלק האבן מיר געדארפט לערנען אט דער לימוד און עס איז איינגעקריצט געווארן אין אונז דורך דעם קרבן פסח. עס איז געווען אט די מצוה, צווישן נאך אנדערע זאכן, וואס האט אנגעגרייט דאס אידישע פאלק פאר איר צוקומפט.

# חלק ג. אן אייביגע פאלק

## א שטאלצע פאלק

אז מ'קוקט אריין אין די תורה, זעט מען אז דער פערצנטער טאג אין חודש ניסן, איז א באזונדערער יום טוב פאר זיך, חג הפסח. חג המצות איז איין זאך; ס'איז א זיבן טאגיגער יום טוב אלס זכר צו יציאת מצרים וואס האט זיך אנגעהויבן אינעם פופצנטער טאג אין ניסן, אבער פארדעם, אין דער פערצנטער טאג, איז דא דער חג הפסח (וואס בזמן הבית האט מען אין דעם טאג מקריב געווען דעם קרבן פסח); א באזונדערע פייערונג. דאן איז ווען מיר פייערן דעם טאג אין וועלכן מיר האבן גע'שחט'ן די עבודה זרה'ס פון די גוים - דער הויכפונקט פון די געוואלדיגע עבודה פון מִשְׁכוּ, פון זיך אוועקציען פון די גוי'שע פירונגען. זיי האבן עפנטליך באוויזן אז דאס וואס איז וויכטיג צו זיי, וואס איז הייליג ביי זיי, וואס זיי קענען נישט בכלל טראכטן פון שחט'ן - אויף דעם מאכן מיר זיך אינגאנצן נישט וויסנדיג.

דאס אידישע פאלק רעוואלטירט קעגן די וועלט על פי ה'; דאס איז די מצוה פון קרבן פסח, צו שחט'ן דאס וואס ווערט באטראכט אלס טייער ביי די אומות העולם. און דאס דארף מען טון מיט חוצפה, מיט א שטאלצע עזות! מיר גייען זיך ווייטער אונזער וועג און פראקלימירן עפנטליך אז מיר פירן זיך בלויז לויט דער רצון ה'.

און דאס מאכט אונז אלס א פאלק פון באשעפער! א פאלק וואס איז פעאיג צו ארומשלעפן דער מצרי'שער אפגאט דורך די גאסן מיט מסירות נפש און נישט ווערן איבערגענומען פון געזעלשאפטליכע מיינונגען, דאס איז א באוויז אז דו ביסט אן עַם קְשֵׁה עֹרֶף, א הארטנעקיגע פאלק וואס וועט האבן די מעגליכקייט צו בלייבן געטריי אויף אייביג.

## זיך פארבינדן מיט נצחיות

אויב אזוי, אז דאס אידישע פאלק וועט פארבלייבן אויף אייביג, וועט דער קלוגער אינוועסטירער לייגן זיינע אייער אין דעם ריכטיגן קארב; ער וועט פארשטיין אז עס לוינט צו האבן שייכות נאר מיט דאס נצחיות'דיגע פאלק. אויב איינער האט אין הארץ מיטגעפיל, א צוציאונג צו די דרויסנדיגע וועלט, פארפאטשקעט ער זיין לעבן. אויב ביסטו צום ביישפיל א היסטאריע לערער, דאס איז דיין פרנסה, קענסטו זיך נישט העלפן, דו דארפסט זיך אריינטון אין זייערע היסטאריעס. אבער צו האבן א געפיל דערצו, "מיין הארץ איז אין די ענגלישע ליטעראטור. אהה שעיקספיער אהה דיקינס." - ניין! דאס אלעס איז גארנישט.

אייגנטליך איז דאס טאקע גארנישט, בלויז א חלום; ס'איז א שקר, ס'איז כזב! ווען דו טראכסט פון די פילאזאפן פון גריכנלאנד, ווי גרויס זיי זענען געווען, ווי איידל זיי זענען געווען - זיי זענען גראדע אינגאנצן נישט געווען איידל. זיי זענען געווען ווייט פון איידעלע מענטשן. דו טראכסט פון זיי, טראכסטו פון שרצים וואס האבן אמאל געלעבט. זיי זענען פארביי אויף אייביג! זיי זענען אפגעווישט פון די מאפע! זיי ווערן פארשווינדן ווי דאס געוועב פון א שפין. מען געבט עס א קער מיט א בעזים און אזוי - דער גאנצער בנין פונעם שפין ווערט פארשוואונדן מיט איין קער מיט א בעזים.

אויך די אמעריקאנער היסטאריע. וואס איז די אמעריקאנער היסטאריע? ס'איז גארנישט דא

דערצו. די גאנצע זאך איז גארנישט מער ווי א קאמעדיע פון גרייזן. פארוואס האבן זיי געדארפט רעוואלטירן קעגן ענגלאנד? צי האט קאנאדע רעוואלטירט קעגן ענגלאנד? קאנאדע איז היינט פונקט אזא פרייע לאנד ווי אמעריקע. די רעוואלוציע איז געווען א גרייז. די גאנצער קריג איז געווען א גרייז. פארוואס איז וויכטיגע געווען צו האבן א רעוואלוציע מלחמה? א ציווילע מלחמה? עס איז נישט וויכטיג געווען; זאל זיך יעדע שטאט האבן זייערע אייגענע געזעצן און מיט די צייט וועלן זיי שוין אליין צוביסליך מבטל זיין די קנעכטשאפט אן צו דארפן הרג'נען אזויפיל מענטשן.

## דער אונטערגאנג פון אמעריקע

אמעריקע ווייסט נישט וואס זיי טוען זיך בכלל. זיי פארטיליגן זיך אליין. פארוואס האט מען געדארפט מאכן אז פרויען זאלן וועלן פאר קאנדידאטן? איר הערט די אפיקורסות וואס איך זאג יעצט? ס'איז זייער א גרויסער גרייז אז פרויען זאלן וועלן פאר קאנדידאטן ווייל איינמאל דאס האט זיך אנגעהויבן האט עס געעפנט א טויער צו א פארפלייצונג. אצינד האט מען פרויען ריכטערינס; משוגע'נע פרויען ריכטערינס. א פרוי ריכטערין וואס זאגט אז מען מעג שפייען אויף דער אמעריקאנער פאן און נישט באקומען קיין שום שטראף!

הערט אט די חכמה פון א פרוי ריכטערין: א שווארצער מאן איז איינעם באפאלן ביי די באן סטאנציע, האט דער פאליציי שומר געשריגן, "הער אויף;" איז דער שווארצער אנטלאפן און דער פאליציי שומר האט געשאסן אויף אים און אים פארוואונדעט. וואס האט ער דען געזאלט טון? אים לאזן גיין באפאלן א צווייטן? איז געקומען צוגיין די פרוי ריכטערין און אים געגעבן א קנס פון פיר מיליאן דאלער פארגיטיגונג פאר דעם שווארצן אויף דעם וואונד וואס ער האט באקומען. דאס פאסירט ווען מען האט ווייך-הארציגע פרויען ריכטערינס. און דערנאך ווילן די ליבעראלע מענער ריכטערס נאכמאכן די פרויען און זיין נאכמער ליבעראל און אלעס איז געענדיגט. א גאנצע פאלק ווערט רואינירט.

איך פארשטיי אז א רעדנער מוז זיך אכטונג געבן ווייל ער דארף נושא חן זיין אויך ביי די פרויען אבער איך וועל יעצט נעמען די פרויען צו די תורה וועלט. פרויען זאלן נישט זיין קיין ריכטערינס! דאס איז קיין שאלה נישט. פרויען האבן פיל וויכטיגערע זאכן צו טון ווי צו זיין ריכטערינס! זיי קענען זיין מאמעס! און אפילו דאס אז זיי זאלן וועלן פאר קאנדידאטן איז א גרייז. און דערנאך האבן זיי געניידערט דעם עלטער וואס מעג וועלן פאר קאנדידאטן און אצינד קענען יונגע שקצים, נידריגע יונגע שקצים וועלן. און יעצט האבן זיי געוועלט פאר א פרעזידענט וואס איז גארנישט מער ווי א שגץ אליין. דער אמת איז אז אז די אמעריקאנער היסטאריע איז איין קייט פון גרייזן. ס'איז א לאנד וואס פאלט פון איר גרויסקייט צוליב די ליבעראלן.

## דאס רויטע לאנד ווערט פארלוירן

איז פארוואס דארפן מיר קוקן אויף זיי?! פארוואס דארפן מיר זיין צוגעבונדן צו זיי און האבן א געפיל צו זיי? אודאי זאלן מיר זיין געטריי צו אונזער לאנד. מיר דארפן שטיצן אלע גוטע זאכן אבער מיר דארפן וויסן אז דאס בלייבט נישט אויף אייביג; עס וועט זיין אזוי ווי ענגלאנד. גרויס-בריטאניען איז היינט כמעט גארנישט.

ווער וואלט עס געגלייבט? ווען איך בין געווען א אינגל, נישט נאר וואס עס האט געהערשט אויף ימ'ען, עס האט געהערשט אויף קאנטינענטן. דער קעניג פון ענגלאנד האט זיך געקענט

גרויסן, "איך, דער קעניג אזוי און אזוי פון ענגלאנד, דער הערשער פון די לאנד און די לאנד" ער האט געהערשט איבער אינדיע, גאנץ אסטראליע, גאנץ קאנאדע. ווען איך בין געווען א אינגל און מיר האבן געלערנט געאגראפיע, האט דער קאליר רויט סימבאלאזירט די קאלאניעס פון בריטאניען. דער גרעסטער טייל וועלט איז געווען באצייכנט רויט. היינט איז עס אזוי קליין, ס'איז כמעט גארנישט. דאס מיינט אז גרויס בריטאניען איז נישט געווען עכט און אמעריקע איז נישט עכט - ס'איז אלעס א חלום.

## זיך פארבינדן מיט אונזערע מנהיגים

דו ווילסט זען עפעס טאפעדיג, עפעס עכט, עפעס דויערהאפטיג? דער עם ישראל! אונזער גאנצע פאלק אין אלע דורות! דאס איז צו וואס מיר האבן א געפיל! דאס איז וואס וועט אנהאלטן אויף אייביג. איז ווי מער דו וועסט זיך אידענטיפיצירן מיט רש"י מיט'ן ארייננקוקן אין רש"י אין די גמרא, ווי מער די אידענטיפיצירסט זיך מיט'ן חומש, ארייננקוקן אין חומש ווען דו קענסט, ווי מער דו וועסט זיך אידענטיפיצירן מיט אלע הייליגע ספרים און די אלע תפילות, די אלע מנהגים פון אונזער פאלק, דאן וועסטו האבן א קיום אויף אייביג און אייביג.

איך האב אמאל געפרעגט א ישיבה בחור פון אכצן יאר אלט, "ווער איז געווען ערשט - הילל אדער רב אשי?" ער האט נישט געקענט ענטפערן. איר ווייסט פארוואס ער האט נישט געקענט ענטפערן? איך האב אים געזען שטיין ביים ווינקל פון גאס ארייננקוקן אין א קאמיקס ביכל. ער האט דאס געקוקט מיט א חבר. וואס איז דאס א קאמיקס ביכל? גארנישט, בלויז שקר וכזב. א שאד די צייט.

דער חומש, די גמרא, די ספרים הק', דאס זענען די איינציגסטע ספרים וואס גייט אונז אן. אלע אונזערע אינטערעסן דארפן זיין קאנצענטרירט זיך צו קענען אידענטיפיצירן מיט אונזערע אבות. קוק צוריק! קוק צוריק ווי ווייט דו קענסט! קוק צוריק צו דיינע עלטער-עלטער זיידעס! קוק צוריק צום בעל שם טוב און צום ווילנער גאון! קוק צוריק! קוק צוריק! אה יא, קוק צוריק צו זיי. קוק צוריק צום פני יהושע! קוק צוריק צו רש"י! קוק צוריק צו די רשב"א! צו דער רמב"ם! צו רבי יהודה החסיד! קוק צוריק צום חובת הלבבות! קוק צוריק צו רב אשי! קוק צוריק צו רבא און אביי! קוק צוריק צו רבינו הקדוש! קוק צוריק צו רבי מאיר און רבי יהושע און רבי שמעון! קוק צוריק צו רבי עקיבא! קוק צוריק צו רבי יוחנן בן זכאי! קוק צוריק! משה און אהרן! אברהם אבינו! אה! יעקב אבינו און יצחק אבינו! דיין גאנצער אינטערעס זאל זיין אין אונזער פאלק, ווייל דאס מיינט אז דו ביסט פארבונדן צו א דויערהאפטיגע פאלק, א פאלק מיט א רוקנביין וואס וועט בלייבן אויף אייביג!

## פסח אויף אייביג

און דאס איז וואס פסח באדייט; עס מיינט צו "איבערהיפן". די פשוט'סטע ערקלערונג איז, **אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל**, אז דער באשעפער האט איבערגעהיפט איבער די אידישע קינדער אין מצרים (יב:כז). אבער דאס מיינט אז עס גייט אזוי זיין אויף אייביג. דאס איז זייער א וויכטיגער לימוד! איינע נאך די צווייטע גייט יעדע פאלק מיט די צייט אונטער און ווערט ווי שטויב אבער דער באשעפער טוט איבערהיפן איבער די אידישע קינדער; דער מלאך המשחית וועט זיי נישט צורירן און זיי וועלן בלייבן אויף אייביג. דער מלאך המשחית פארטיליגט אלע פעלקער אבער

אונזערע היימען וועט ער שטענדיג איבערהיפן. פונקט ווי ער האט איבערגעהיפט איבער די הייזער פון די בני ישראל אין מצרים, אזוי וועט עס שטענדיג זיין.

ער וועט נישט איבערהיפן איבער די דייטשן; דייטשלאנד וועט מיט די צייט פארטיליגט ווערן. רוים איז פארטיליגט געווארן און זיי זענען געווען מאכטפולער ווי די דייטשן. גרעסערע פעלקער ווי רוים זענען אונטערגעגאנגען. אויך אמעריקע. איין טאג וועט מאנהעטן זיין א הויפן ברוכווארג. אלע פעלקער און אלע זייערע אידיאלאגיעס וועלן מיט די צייט צעברעקלט ווערן. **וְהָאֱלִילִים כָּלִיל יַחֲלֹף** - אלע זייערע גלויבנס וועלן קומען צו א סוף (ישעיהו ב:יח). דו זעסט זיי היינט און ס'איז שווער צו גלייבן. ס'איז דא א פויפסט און עס זענען דא אלע סארטן קירכעס. און ס'איז דא איסלאם מיט מעטשעטן. און אודאי, די אוניווערזיטעטן מיט זייערע עבודה זרה'ס. יעדע סארט פאלשע אידיאלאגיע, דאס איז אלעס א צייטווייליגע זאך, א פארביי פארנדע שיף ביינאכט. אבער פאר דאס אידישע פאלק איז דא א פסח, אן איבערהיפונג אויף אייביג. מיר זענען נאך אלץ דא! דאס איז וואס דער קרבן פסח קומט אונז זאגן.

## לעב פון דיין בלוט

און פארוואס האט דער באשעפער אונז איבערגעהיפט? ווייל דער פסח איז געווען א באוויז אז מיר קענען און מיר ווילן אפשלאגן פון זיך די וועלט'ס השפעות און ביישטיין קעגן אלע געדאנקען פון די וועלט. מיר וועלן בלייבן געטריי צום באשעפער! דאס איז וואס עס מיינט אז מיר האבן גע'שחט'ן דעם אפגאט פון די מצריים אין זייער אנוועזנהייט. **הֵן נִזְבַּח אֶת תּוֹעֲבַת מִצְרַיִם לְעֵינֵיהֶם וְלֹא יִסְקְלֻנוּ** - די מצריים וואלטן אונז געקענט פארשטיינערן פאר'ן הרג'נען זייערע אפגעטער און מיר האבן עס דאך געטון. דערפאר האט דער באשעפער אונז איבערגעהיפט און דערפאר וועלן מיר לעבן אויף אייביג. דער נביא האט געזאגט (יחזקאל טז:ו), **בְּדָמַיִךְ חֲיִי** - איר וועט לעבן אויף אייביג צוליב דאס בלוט וואס איר האט פארגאסן. אויך זענט איר גרייט געווען צו לאזן פארגיסן אייער אייגן בלוט! אודאי מיינט עס אויך דם מילה, אבער די דם הפסח איז געווען די געפארפולסטע זאך צו טון און דאס האט אונז געמאכט דאס וואס מיר זענען היינט.

זע, ווען דו דארפסט זיך צוריקשלאגן קעגן די מאסן ביסטו קונה א געוויסע הארטקייט. און דאס דארפסטו האבן כדי צו קענען דורכלעבן ווייל עס איז דא אסאך קעגנזייטיגע פראפאגאנדע; דער ארעמער איד ווערט ארומגעשטויסן און דערנידערט. און אויב אן ארטאדאקסישער איד האלט זיך מיט זיינע פרינציפן טראץ דאס אלעס, איז דאס איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען אין לעבן; דורכדעם וועלן מיר האבן א קיום - דערפאר וועט דאס אידישע פאלק דורכלעבן. יעדער איינער אנדערש, יעדע פאלק, יעדע לאנד וועט איין טאג פארלוירן גיין, אבער דאס אידישע פאלק, די וואס האבן א שטארקער ריקנביין, די וועלן פארבלייבן אויף אייביג און שפאנען אויף זייערע חורבנות.

איז וואס מיינט דער ענין פון **מִשְׁכוּ**? וואס מיינט דאס ווען דו שלעפסט א שפעלע דורך די גאסן? דאס מיינט אז דו ביסט א מוצלח; דאס מיינט עס. אויב דו קענסט עס שלעפן דורך די גאסן און האלטן פיר טעג אין דיין צימער און דערנאך עס שחט'ן, דאס איז א באוויז אז דו ביסט הארנעקיג און פאסיג צו זיין א טייל פון דעם **עַם קְשֵׁה עֹרֶף**. און יא שעפעלע אדער נישט שעפעלע, איז דאס דער יסוד מיט וועלכן מיר לעבן דורכאויס אונזער גאנץ לעבן. "אויב ביסטו הארטנעקיג אין דיין געטריישאפט צו מיר," זאגט דער באשעפער, "דאן ביסטו מיינס און דערפאר וועסטו פארבלייבן אויף אייביג."

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**פארוואס האט משה רבינו געזאגט פאר פרעה אז די אידן ווילן ארויסגיין פאר דריי טעג, ווען זיין כוונה איז באמת געווען זיך קיינמאל נישט אומצוקערן?**

**תשובה:**

דאס איז א גוטע שאלה. ווען משה רבינו האט פארגעשלאגן צו פארלאזן מצרים האט ער געזאגט אז עס איז אויף דריי טעג. און דרך אגב, ווען די אידן האבן גענומען די חפצים פון די מצריים, האבן זיי עס געבארגט. זיי האבן געזאגט פאר די מצריים אז זיי בארגן עס נאר. ס׳איז א גוטע קשיא.

איר דארפט פארשטיין, אז יעדער האט געוואוסט אז איינמאל זיי באקומען זיך ארויס פון מצרים, וועלן זיי נישט צוריקקומען. יעדער האט עס געוואוסט. נאר כדי נישט צו זיין עזות׳דיג - נאך אלעם האט ער דאך גערעדט צו א קעניג - האט משה רבינו געזאגט דריי טעג.

אלזא, פרעה האט פארשטאנען אז זיי פראבירן צו אנטלויפן. ער האט דאס פארשטאנען. דערפאר האט ער געזאגט, ״ווער גייט מיט אייך?״ האט ער געפרעגט פון משה, ״צי וועט איר איבערלאזן די קינדער? צי וועט איר דא איבערלאזן אייערע בהמות?״ האט משה געזאגט, ״מיר לאזן דא גארנישט איבער. גארנישט.״ ״גארנישט?״ האט פרעה געפרעגט, ״אויב אזוי, דאן וועל איך אייך נישט ארויסשיקן.״ פרעה האט געוואוסט וואס עס גייט פאר. ער האט פארשטאנען. דערפאר האט משה רבינו געזאגט דריי טעג, ווייל דאס איז געווען אן אנשטענדיגער וועג צו בעטן, ״לאזט אונז גיין פאר דריי טעג.״ ס׳איז באמת בלויז א שיינער וועג פון זאגן, ״זיי געזונט! אויף אייביג.״

(דער רב האט געלאכט)

און ווען די אידן זענען געקומען צו זייערע מצרי׳שע שכנים צו בארגן, וואס איז מיט דעם?! א איד איז געקומען צו זיין שכן טיר ביי טיר און געבעטן, ״קענסט מיר ביטע פארלייען דיינע גאלדענע קייטלעך?״ פארלייען? זיכער; בארג עס! דער מצרי איז געשטאנען דארט ממש מלא אימת מוות. ער האט געטרייסלט אין זיינע הויזן, ער האט מורא געהאט אז ער גייט שטארבן. ממש פול מיט שרעק. דער באשעפער האט גע׳הרג׳ט פיל פון זיי. די מצריים זענען גע׳הרג׳ט געווארן אויף אלע זייטן. די בכורים זענען געשטארבן אויף אלע זייטן. ומצרים מקברים את אשר הכה השם בהם כל בכור ובאלהיהם עשה השם (במדבר לג:ד). איבער גאנץ מצרים האבן זיי באערדיגט זייערע מתים. איז וואס ערווארט איר אז די מצריים זאלן טון? נישט צו געבן די גאלדענע קייטלעך?! נאר מ׳דארף דאך זיין מענטשליך, האט דער איד געבעטן, ״קענסט מיר פארלייען דיינע קייטלעך?״ ס׳איז פשוט געווען א שיינער וועג פון אוועקנעמען די קייטלעך.